IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**די גרינע עפּעלעך פֿון גן־עדן • Green Apples from the Garden of Eden**

by Boris Sandler, translation by Jordan Kutzik

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (October 2018)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/green-apples]

# די גרינע עפּעלעך פֿון גן־עדן

# Green Apples from the Garden of Eden

Boris Sandler
translated by Jordan Kutzik

**Introduction:** Born in Belz, Bessarabia (modern-day Bălți, Moldova), Boris Sandler is one of only a handful of contemporary Yiddish prose writers active today. Recent English translations of Sandler's work include *Red Shoes for Rachel: Three Novellas* (Syracuse Univeristy Press, 2017) and "An Unexpected Guest" (Words Without Borders, 2016). In the following story, taken from his 2004 collection *Toyern* (Gateways), we meet an immigrant whose reminiscences are so vivid they all but blur the border between dreams and time travel.

# Green Apples from the Garden of Eden

I would have recognized that gate from amongst all the gates of Jerusalem.

It was a simple courtyard gate made of wide planks, shaved down and smoothed by time. Its two doors were reinforced with four metal strips and held in place by large wrought-iron hinges that hung from the surrounding limestone fence.

I had, however, only seen that gate before in my dreams. It would momentarily appear out of the clear blue or float across the surface of a great body of water alongside pieces of furniture, broken cradles, rags and trash as if after a flood. Soon enough it would vanish among my other visions, waiting for an occasion to be remembered.

A dream is usually forgotten shortly after waking. A dream, of course, is nothing more than a dream. The images of the gate, however, became etched in my mind and transformed themselves into memory. Perhaps it was only because they had reappeared so many times over the years in my dreams. But that gate was as real to me as the apple tree in my neighbor's orchard from which I had once fallen while stealing green apples and broken my left hand. It was as substantial to me as the abandoned well in the shepherd Mr. Vasile's courtyard.

The old shepherd lived by himself in a half-ruined cottage not far from the meadow just outside of town. All sorts of bizarre stories circulated about him. People said that at night demons crawled out of the abandoned well and reveled with their landlord until dawn. Mothers and grandmothers scared their little children: "if you don't listen to me, I'll leave you overnight at the old shepherd's cottage." It's one of the many stories that have become intertwined in the branches of my tree of memory and bloom from time to time, reminding me of bygone days and years.

The same thing happened with the gate from my dreams. I saw it suddenly one day on Jaffa Road in Jerusalem. A long time had passed since I had dreamed of it. In fact, I had completely forgotten about that gate amidst my preparations for immigrating to Israel. The planning for my Aliyah, with all of its necessary arrangements and deliberations, had left me sleepless. Or perhaps just the opposite: the stress of it all would knock me off my feet until I'd suddenly find myself in a corner of my recently cleared-out apartment. The only thought that would cross my mind would be a vague wish that I would fall asleep in my clothes and miraculously find myself there, ready to go on with my life.

I first saw the gate at a distance, from across the street. When I spotted it I was rushing around consumed by Israeli concerns and exhausted by new experiences. I stopped walking for a few moments, just long enough for an indescribable nerve, impulse or ray of light—call it what you will—to touch its pointed tip against the drowsing branch of my tree of memory and awaken recollections.

"The gate. The gate from my dreams!" I was ready to run straight across the road but the sober side of my brain stopped me in my tracks. I couldn't cross here. I'd have to

walk another fifty or sixty meters to the nearest crosswalk.

As it turned out, fifty meters was too great a distance to maintain enough strength to revisit my past. After just a few steps I quickly discovered that my current problems were of greater importance and could not wait.

Then again, what exactly had happened? Seeing something in real life that I had only ever seen before in a dream? People are well accustomed to such strange occurrences in Israel. They're even used to miracles. It seems that only in Israel can you meet someone from whom you've been separated for decades, someone you saw off as he left town and said goodbye to forever as if he were traveling to another planet. And suddenly you run into him and you are together again in the same world.

Here in Israel you sometimes meet people who aren't even from your life but from your grandfather's life, from his memories that you've inherited, carried upon the wind of generations like a speck of dust blowing from one tree to the next. These encounters occur so suddenly, bringing back all of the details of years gone by that it's as if you've been submerged into the past. "It's good that we ran into each other . . . It's good to be together again." It comforts your heart. And then you continue on your way.

The gate at Jaffa Road number ____ would not let me rest. Or perhaps just the opposite: I wasn't letting it rest. I'd look for it while riding the bus. I'd interrupt my walks to stand next to it for a moment, pressing my palms against its surface as if to convince myself that the gate was really there. I'd absorb its warmth through my fingers, feeling the heat of its stone. I did this as if it were entirely unplanned. Otherwise it would look like I were up to something strange.

As I mentioned before, the gate was just a simple courtyard gate. I could hear the voices of children within, voices that broke through the noise and tumult of Jaffa Road. My ears picked up sounds from the other side of the gate, and I listened intently to them. I tried to understand something from the bits and pieces of speech as if I could reassemble them into a story about the courtyard where I was raised and where I knew every nook and cranny.

My curiosity, of course, often compelled me to push on the gate and enter that courtyard with the sounds of children's voices. There was only one small problem: a large rusted lock held the gate's doors together. I looked for a little crack to peek through, but the wide planks had been set so close together that no light shone through, and the underside of the gate was overgrown with grass. In short, it was clear that nobody had passed through that gate in many years, perhaps not in centuries. It was Jerusalem after all. The key to the gate had probably vanished during the city's long history, lost somewhere in the sands of time.

Yes, all means of entering the courtyard seemed blocked. Then again, what was I supposed to find in that unfamiliar courtyard? My own history would not be written with foreign sounds. The gate itself, however, was another story. I had dreamed it up, and it reminded me of my childhood, of the places and people rooted in my heart and memory. It's possible that I was so attracted to that gate because it was like something from that bygone life, if human life can really be divided into days, years and eras as is often done in textbooks.

Perhaps I needed the rendezvous with my gate more than my meetings with old friends. They were already well-established residents and had ready answers to all of my

questions. They had long forgotten the painful visions of that previous life and had very different dreams—Israeli dreams. Perhaps they even dreamed in Hebrew.

I could share what I wanted with my gate and in the language that was closest to my heart. I don't mean, of course, that I stood facing it like a pious Jew at the Western Wall. But each time that I pressed my palms against it I felt my heart become lighter, as if merely touching the wall removed the stress of my daily hustle and bustle.

---

The sun that day was blazing even during the early morning hours. The city roasted underneath the heat of its rays like a Sabbath kugel in the oven. If anyone were ever to suffer the misfortune of going mad from the heat it would happen on just such a day.

I came to Ben-Yehuda Street to meet my old friend Shmulik Fineman. We hadn't seen each other since he had moved to America about twenty years earlier. I had said goodbye to him, for good it seemed, just as I had to so many of my friends. My only contact with him had been through occasional letters. The last letter I sent was from Jerusalem. Yesterday, he called me out of the blue from Tel Aviv and told me that he was visiting Israel and would be in Jerusalem the following day. I would have gone out to meet him even if the sun itself had fallen onto Ben-Yehuda Street.

It was usually lively there. Jerusalemites love the pedestrian mall in the Downtown Triangle: they sit down for a bit at a table on the street and enjoy a little cup of coffee with a tasty piece of strudel and spin a tale. It's a popular hangout for tourists as well.

I arrived twenty minutes early to our meeting at Atara Café. Searching for a bit of shade, I leaned my shoulder against the trunk of a tree and took a water bottle out of my bag that I had brought from home. As the Israelis say, "you must drink in such heat."

There weren't many people who wanted to walk around in weather like this. The tables stood empty underneath the large umbrellas, waiting for better times. Especially pitiful was the appearance of the woman in the straw hat. She was perched, just like every day, on a little bench across from a souvenir store. She was something of a living souvenir herself, which fate had tossed onto Ben-Yehuda Street from that faraway cold land that just yesterday had been called the Soviet Union.

"*Where can I find a little luck? Where can I find a little happiness*?" the old woman sang in Yiddish, drumming along to the beat on a little toy tambourine. Sunlight glistened from a couple of coins in a cardboard box at her feet.

The heat was truly going to drive me insane. But before it did I wanted to see Shmulik. No exaggeration: I've known Shmulik for as long as I can remember. We are the same age, grew up on the same street and were in the same grade at the same school. After graduating we moved to different cities to continue our studies but frequently exchanged letters and waited impatiently for the holidays when we could spend time together.

By chance, I had learned that Shmulik had an aunt in America. I think we were in fifth or sixth grade when Shmulik took me aside during recess and removed something from his pocket. Looking around to make sure that nobody saw us, God forbid, he shoved the mysterious item into my pants pocket.

"What is it Shmulik?" I asked quietly. I immediately understood that whatever it was, it had to be connected with a secret.

"Chewing gum," he whispered into my ear.

"Chew—?"

"Shush! Don't yell," he interrupted me. "Don't show it to anyone!"

A stick of chewing gum was a really big deal. Who among our friends back then could have boasted of having something so exquisite? You could only get it from America! And nothing good ever came from America. That's what they taught us in school.

"How did you get this?" I asked him, probing the little rectangular strip with my fingers as if it were all of America.

"Not now. After school."

On the way home, my friend told me that his family had received a package in the mail from America. It turned out that his mother had a sister there. He didn't tell me anything more. Perhaps Shmulik himself had only learned of his American aunt after receiving the package. Before he would even agree to reveal the secret he made me swear on "earth, fire and water," that I wouldn't tell it to anyone in the world.

"*Oh, how do I get my youth back*?" sang the old woman in the straw hat. There's no way she could have known just how appropriate that song was for me.

I peeked at my watch. It was as if time were standing still. I took out my water bottle again and took a sip but the water was warm and had an unpleasant taste. The little sliver of shade underneath the tree barely helped. I felt like I was about to faint.

Suddenly, that girl appeared. She was wearing a speckled green dress and running down the cobblestone street. Well, not running so much as hopping on one foot, then the other. With every hop, her little dress rose up for just a moment, revealing her white underwear.

Compared to the exhausted people walking in slow motion, the girl seemed to whiz by like a grasshopper. I felt the cool caress of a refreshing breeze upon my face as she hopped towards me and winked, signalling that I should follow her.

The magic of that wink was so strong that I forgot everything. I only saw her red head of closely cropped hair, which summoned me to follow her down to the other end of Ben Yehuda Street.

The girl didn't even turn around to look. It was as if she knew that I would follow her. Just once, right before skipping onto Jaffa Road, did she turn to face me, looking for a moment and laughing playfully.

While I was following her, a heavyset woman blocked my path as if she wanted to hide the girl behind her wide figure. I thrust myself to one side and then the other. The woman gave me a look as if to say, "Are you all there sir?" and continued walking. I turned onto Jaffa Road but no longer saw the girl. I asked several passersby if they had seen a redheaded girl of about five or six. It was no use. My happy, little, red-headed grasshopper had vanished.

Lost and unsure of what to do, I stood by the gate—my gate—where my feet had carried me. I felt something explode in me, a bitter remorse for failing to free myself from the confines of my past, for my clumsy first steps upon settling here in Israel, for my foolish fantasies leading me who the hell knows where. I let out my anger and hopelessness upon the gate. I pushed it as if I wanted to be rid of it and flee far from Jaffa Road, from this city, from this world. Slowly, with a rusty creaking, the gate's

doors budged open. I had only to cross the threshold overgrown by the weeds of time.

------

I was in my courtyard again. Next to me was the wooden shed with neatly piled logs drying beside it. The large brass pan my mother used to fry plum jam that would last until spring hung from a long nail. My dusty cradle was sticking out of a corner, waiting for my unborn baby sister. Near it was the wooden basin where my grandmother kneaded the dough for her bread. Beside it were the piles of old rags she considered a "sin to throw out." Several chickens were thrashing about in the dirt near the shed. Our laundry was drying on a long string tied between two poles and propped up by a rod so that the clothes would not touch the ground. And right in the middle of it all was the tall wide box that my father had made. This box resembled a little, windowless house except that its small rectangular door opened from above so that you could only enter through the roof. My grandfather called it "the Ark." Soon enough it would be full of coal, but for now it stood empty. My father had just finished it and the whole courtyard smelled of fresh wood shavings.

Someone called my name. The small door on top of the box opened and the little red head of the vanished girl appeared.

"Why are you just standing there?" the girl called to me annoyed. "Come into the house."

I was no longer astonished. The game had me captivated. It had started during that long ago summer when I was six years old.

"Did you bring the apples?" the girl asked as soon as I crawled into the box.

I shrugged my shoulders and handed her my bag. She quickly opened it and stuck her little nose inside. Happily, like a true housewife, she said: "Oh, they're so tasty. Here, try one."

She handed me a green apple, a *papirowka*, exactly the type of apple that grew in our neighbor's garden and which I so loved. She raised it to my mouth and I bit off a piece right from her hand. Perhaps that's how Eve had given Adam the fruit from the Tree of Knowledge.

A sweet and sour taste lingered on my lips.

"Bella?" I quietly said her name.

She gave a dainty shake of her head.

"What happened to you? You said that you were just going to pick some apples and then you disappeared."

"True," I began.. "You're right."

I now had absolutely no doubt that the red-headed girl from Jaffa Road was none other than Bella, Yankl the Blacksmith's daughter. They hadn't lived too far from us. Yankl's forge was right in their courtyard and I loved to watch him work, hunched over a small mountain of glowing coals. The clanging of his smithy could be heard from every corner of our street.

"You know what?" Bella said. "We're going to play House."

"How do you play?" I asked.

"Very simple. You'll be the Daddy and I'll be the Mommy."

"And the children?"

Bella laughed resoundingly. I felt myself beginning to blush.

"I'm not going to play with you if you're gonna laugh."

"We'll have them later. My Mom says that it's difficult to have children."

"Where do they come from?" I asked.

"You really don't know?"

I actually did know. My mother had told me that children were brought from the Birthing House. She had even shown me the house once. It was a beautiful house with white windows and little white curtains. But I wanted to hear it from Bella herself.

Suddenly, she raised her green dress and pointed at herself.

"From here."

"From the belly?" I asked confused.

"Yes."

"How do you know?"

"My sister Manya told me. She knows everything."

It was perhaps the first time in my life that I regretted not having an older brother or sister.

"What else did Manya tell you?" I could barely contain myself.

Bella remained silent for a moment. And then quickly said: "This is a secret. Manya said that if I go blabbing this secret to anyone she'll rip out all of my hair. But for you . . ."

"Tell me Bella," I began to beg. "I won't tell anyone in the world."

"Not even your friend Shmulik?"

"Not even him!"

"Swear on your mother's life."

This was the single scariest oath that could be sworn between children. But curiosity got the best of me.

"May I never see my mother again if I tell this secret to anyone," I spat out in one breath.

It grew very quiet. The woodchips blowing on the ground rustled as they spread apart, and the clanging from the smithy became louder and louder. Cling-clang, Cling-clang.

Bella sat down on a pile of woodchips in a corner and continued speaking.

"Manya said that children are made in bed by Mommy and Daddy."

Bella, no longer strong enough to keep her sister's secret, rushed to hand off the burden to me. I didn't see her face as my eyes were blinded by the bright rays of sunlight that filtered in through the gaps between the boards.

"Where are you Bella?" I called out to her quietly when she fell silent.

"I'm here . . . Come over."

Stretching out my arms I took a few cautious steps towards her and kneeled. My fingers touched her hair.

"I can't see you Bella. I've probably gone blind."

"How can you see me when your eyes are closed? Sit there, I'll feed you apples."

Cling-clang, Cling-clang beat two children's hearts in the silence. The sweet and sour juice of the apples poured into my mouth. I felt the touch of her lips on my eyelids. She moved the tip of her little tongue over my eyelashes just as my mother did when a speck of dust fell into my eye. Then I felt it over my throat. She unbuttoned my shirt and

I felt her moist touch on my flesh.

“We’re going to have a lot of children,” Bella whispered . . .

Suddenly, someone was banging on the box. The door opened above our heads and the overgrown face of the shepherd, Mr. Vasile, peered down from high above, as if we were looking up from the bottom of a well.

“So that’s where you’re hiding!” he howled.

I didn’t manage to move an inch. He caught me by my hair and dragged me out of the box as if I were a lost lamb from his flock. I could hear Bella’s screams coming from our short-lived home. I tried to tear myself away from the shepherd’s hands but it was all for naught. He dragged me to the gate and cursed at me viciously in his language.

I came to on the other side of the gate, which was still closed and held shut by that same rusty lock. The world around me rushed by as the eternal city sought to inscribe its wisdom and foolishness upon its stone tablets.

I ran to meet my best friend Shmulik Fineman. Covered with sweat from the insane heat, I thought: will I recognize him after so many years of separation, the American Jew from my Bessarabian childhood?

# די גרינע עפּלעך פֿון גן־עדן

כ׳וואָלט דעם טויער דערקענט צווישן אַלע שערי־ירושלים.

אַ פּשוטער הויפֿטויער פֿון גראָבע ברעטער, וואָס די צײַט האָט זיי אָפּגעהובליעוועט, מיט פֿיר געקאָוועטע פּאַסן פֿאַרפֿעסטיקט, אויף צוויי האַלבטירן זיך פֿאַרשפּאַרט און אויף גרויסע אײַזערנע זאַוויסיעס אויפֿגעהאַנגען צווישן הויכע קאַלכשטיינערנע צוימען.

פּונקט אַזאַ טויער האָב איך פֿריִער געזען נאָר אין חלום. ער פֿלעגט זיך פּלוצעם באַווײַזן אין אַ ציכטיקער בלויקייט בלויז אויף אַ רגע, אָדער דורכשווימען פֿאַר מײַנע אויגן איבער אַ גרויס וואַסער, ווי נאָך אַ מבול, צווישן פֿיל אַנדערע זאַכן: שטיקער מעבל, צעבראָכענע וויגעלעך, שמאַטעס, מיסט, און באַלד פֿאַרשווינדן ווערן ערגעץ אין אַנדערע מײַנע וויזיעס, כּדי אין אַ צײַט אַרום ווידער דערמאָנען אין זיך.

אַ חלום, געוויינטלעך, פֿאַרגעסט זיך באַלד נאָכן אויפֿכאַפּן זיך. אַ חלום איז דאָך ניט מער ווי אַ חלום. די בילדער אָבער מיטן טויער, מעגלעך דעריבער, וואָס זיי פֿלעגן זיך איבערחזרן אין משך פֿון יאָרן, האָבן זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכּרון און זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַזאַ ממשותדיקער זאַך, ווי למשל, דער עפּלבוים, וואָס איז געוואַקסן בײַם שכן אין סאָד, פֿון וועלכן כ׳בין איין מאָל אַראָפּגעפֿאַלן בשעתן רײַסן בגנבֿה גרינע עפּעלעך און זיך צעבראָכן די לינקע האַנט. אָדער די פֿאַרלאָזטע קערניצע אין הויף בײַם אַלטן פּאַסטעך, מאָש וואַסילע. ער האָט געווינט איינער אַליין אין אַ האַלב חרובֿ געוואָרענעם שטיבל הינטער דער שטאָט, ניט ווײַט פֿון דער טאָלעקע. עס פֿלעגן וועגן אים אַרומגיין אין שטאָט כּלערליי משונהדיקע מעשׂיות. בײַ נאַכט, האָט מען דערציילט, קריכן פֿון דער פֿאַרלאָזטער קערניצע אַרויס שדים און הוליעווען צוזאַמען מיטן בעל־הבית ביז קאַיאָר. די באָבעס און מאַמעס האָבן געשרעקט די קליינע קינדער זייערע: „וועסט נישט פֿאָלגן, וועל איך דיך איבערלאָזן אויף אַ נאַכט בײַם אַלטן פּאַסטעך…“. ווי פֿיל אַנדערע זאַכן, וואָס טשעפּען זיך צו עלעהיי די צווײַגלעך פֿונעם זכּרון־בוים און ווען ניט ווען גיבן זיי אַ בלי אויף אַ ווײַלע, דערמאָנען אין די פֿאַרגאַנגענע טעג און יאָרן.

דאָס זעלבע איז געשען מיט דעם טויער פֿון מײַן חלום. אין אַ טאָג האָב איך אים פּלוצעם דערזען אין ירושלים, אויף דער יפֿו־גאַס. שוין אַ לענגערע צײַט, אַז ער איז אַוועק פֿון מײַנע חלומות. כ׳האָב גאָר אין גאַנצן פֿאַרגעסן אין אים, זײַענדיק פֿאַרטאָן אין מײַנע צוגרייטונגען עולה זײַן קיין ישׂראל. די איבערטראַכטענישן און איבערלעבענישן, וואָס זײַנען דערמיט פֿאַרבונדן, האָבן מיך בכלל געלאָזט אָן שלאָף; אָדער פֿאַרקערט, מיט אַ מאָל אַ וואַלגער געטאָן מיך ערגעץ אין אַ ווינקל פֿון דער פּוסט געוואָרענער דירה און דער איינציקער געדאַנק, וואָס פֿלעגט אַ בליץ טאָן, איז געווען: אײַנשלאָפֿן אַזוי, אין וואָס כ׳בין אָנגעטאָן, און זיך אויפֿכאַפּן שוין דאָרט — כ׳ווייס ניט ווו, כ׳ווייס ניט ווען — נאָר דאָרט, און ממשיך זײַן דאָס לעבן.

כ׳האָב אים דערזען פֿון דער ווײַטנס, פֿון דער אַנדערער זײַט גאַס. כ׳בין געלאָפֿן אַ באַזאָרגטער שוין מיט די היגע איבערטראַכטענישן און איבערלעבענישן, מיט אָט די שטענדיקע באַגלייטערס פֿון אונדזער קיום. כ׳האָב פֿאַרהאַלטן דעם גאַנג, נאָר אויף די פּאָר קורצע ווײַלעס, וואָס זײַנען גענוג געווען, כּדי אַן אומבאַגרײַפֿלעכער נערוו אָדער אימפּולס, אָדער שטראַל — רופֿט עס אָן ווי איר ווילט — זאָל זיך צורירן מיטן שפּיזיקן שפּיץ צו דעם אײַנגעדרעמלטן צווײַגעלע פֿון מײַן זכּרון־בוים און אויפֿוועקן דערמאָנונגען.

„דער טויער… מײַן אויסגעחלומטער טויער“, — האָב איך באַלד באַקומען אַן ענטפֿער. כ׳בין שוין גרייט געווען זיך אַ וואָרף טאָן צו דער אַנדערער זײַט גאַס, דאָס ניכטערע אָבער, דאָס זאַכלעכע האָט מיך אָפּגעשטעלט: דאָ טאָר מען ניט אַריבערגיין דעם וועג!… וועט זײַן מיט אַ פֿופֿציק־זעכציק מעטער ווײַטער, בײַם אַריבערגאַנג.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז פֿופֿציק מעטער זייער אַ גרויסער מהלך, כּדי געפֿינען כּוח אומקערן זיך אין עבֿר, און זייער אַ לאַנגער וועג, כּדי שוין אין אַ פּאָר שפּאַן אַרום זיך אַליין איינרעדן, אַז די איצטיקע ענינים, וואָס טרייַבן מיך אונטער, זייַנען וויכטיקער און קאָנען בשום־אופֿן ניט וואַרטן.
צוריק גערעדט, וואָס איז אַזוינס געשען? דערזען אויף דער וואָר אַ זאַך פֿון אַ חלום? אין ארץ־ישׂראל איז מען שוין געוווינט צו אויסטערלישע זאַכן. אַפֿילו צו נסים. דאַכט זיך, נאָר אין ישׂראל קאָן מען זיך טרעפֿן מיט אַ מענטשן, מיט וועלכן מ׳האָט זיך צעשיידט מיט צענדליקער יאָר צוריק; באַגלייט און געזעגנט זיך מיט אים, ווי ער וואָלט אַוועקגעפֿאָרן אויף אַן אַנדער פּלאַנעטע, אויף אייביק. און פּלוצעם, נאַט אייַך — אַ באַגעגעניש. מע זעט זיך ווידער. מ׳איז ווידער אויף איין וועלט.
נאָך מער: מע באַגעגנט דאָ מענטשן, וואָס זייַנען אין גאַנצן ניט פֿון דייַן לעבן, נאָר פֿון דייַן זיידנס לעבן, און זייַנע זכרונות, וואָס זייַנען צו דיר איבערגעגאַנגען בירושה, זיך איבערגעטראָגן מיטן ווינט פֿון דורות, ווי אַ שטויבעלע טראָגט זיך איבער פֿון איין בוים צו אַן אַנדערן. זיי קומען, אָט די באַגעגענישן, אין איינעם מיט אַלע פּרטים, וואָס זייַנען געקניפּט און געבונדן מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַקוראַט דו וואָלטסט זיך אין איר ווידער אייַנגעטונקען.
„ס׳איז גוט, וואָס דאָס איז געשען... ס׳איז ווידער מיט דיר“, — טרייסט דאָס האַרץ. און דו גייסט זיך ווייַטער דייַן וועג.

דער טויער פֿון יפֿו־גאַס נומ׳ ... — פּונקט דאָרט שטייט ער, — האָט מיר שוין ניט געגעבן קיין רו, און אפֿשר פֿאַרקערט, האָב איך אים ניט געלאָזט רוען. פֿאָרנדיק מיטן אויטאָבוס דורך דער יפֿו־גאַס, האָב איך אים געזוכט מיט די אויגן; דורכגייענדיק פֿאַרבייַ, געבליבן לעבן אים שטיין אַ ווייַלע, צוגערירט זיך מיט די דלאָניעס צו זייַן אייבערפֿלאַך, ווי געוואָלט זיך איבערצייַגן, אַז דער טויער איז באמת דאָ, אַז ס׳איז ניט קיין אויסדאַכטעניש און אייַנגעזאַפּט אין זיך דורך דער הויט פֿון מייַנע פֿינגער זייַן ממשותדיקע וואַרעמקייט. תּמיד פֿלעג איך עס טאָן ווי צופֿעליק, ווי ניט אים מיין איך, אַז די דורכגייערס זאָלן מיך חלילה ניט חושד זייַן אין עפּעס ניט קיין גוטס. ס׳האָט דאָך פֿון דער זייַט געזאָלט אויסזען זייער מאָדנע.
ווי כ׳האָב שוין געזאָגט, איז דער דאָזיקער טויער געווען אַ פּשוטער הויפֿטויער, דורך וועלכן מע קאָן, פֿאַרשטייט זיך, טרעפֿן אין הויף. און ס׳האָבן זיך טאַקע געהערט פֿון יענער זייַט קינדערשע קולות; זיי האָבן זיך דורכגעריסן דורך דעם רעש און זשום פֿון דער גאַס. כ׳האָב די קלאַנגען פֿון יענער זייַט טויער אויפֿגעכאַפּט, זיך אייַנגעהערט אין זיי, געפּרוּווט עפּעס פֿאַרשטיין פֿון די שטיקער רייד און ווערטער, ווי כ׳וואָלט געקאָנט פֿון זיי צונויפֿשטעלן אַ מעשׂה, וועלכע וואָלט דערציילט וועגן מייַן אייגענעם הויף, ווו כ׳בין אויפֿגעוואַקסן און געקענט דאָרט יעדעס ווינקעלע.
געוויס, האָט מייַן נייַגער מיך ניט איין מאָל געצווּנגען אַ שטופּ טאָן דעם טויער און אַרייַנגיין אין הויף אַנטקעגן די רייצנדיקע קלאַנגען, אָבער איין קלייניקייט: דער גרויסער פֿאַרזשאַווערטער שלאָס, וואָס האָט פֿאַרשלאָסן די צוויי האַלבטירן. האָב איך געזוכט אַ שפּאַרונקעלע, כּדי אַרייַנצוקוקן אַהין כאָטש מיט איין אויג. די גראָבע ברעטער זייַנען אָבער געווען אַזוי פֿעסט צוגעפּאַסט אַ ברעט צו אַ ברעט, אַז כ׳האָב דעם געדאַנק אויך אָפּגעוואָרפֿן. דערצו איז ער אונטן געווען פֿאַרוואַקסן מיט גראָז. אַ קיצור, ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די שוועל פֿון דעם טויער האָט מען שוין יאָרן לאַנג ניט איבערגעטראָטן, מעגלעך אַפֿילו הונדערטער יאָר, ס׳איז דאָך ירושלים. אויך דער שליסל פֿון דעם שלאָס וואַלגערט זיך מסתּמא ערגעץ אין שטויב פֿון דער שטאָט־געשיכטע.
יאָ, דער וועג אין הויף אַרייַן איז פֿאַר מיר געווען פֿאַרשפּאַרט. צוריק גערעדט, וואָס האָב איך דאָרט, אין דעם פֿרעמדן הויף, געקאָנט טרעפֿן? פֿון פֿרעמדע קלאַנגען וועל איך מייַן אייגענע געשיכטע ניט אָנשרייַבן. אַן אַנדער זאַך דער טויער אַליין — כ׳האָב אים אויסגעחלומט, ער דערמאָנט מיר אין מייַנע קינדער־יאָרן, אין יענע ערטער און מענטשן, וואָס זייַנען אייַנגעוואָרצלט געוואָרן אין מייַן זכּרון און האַרץ. מעגלעך דעריבער האָט מיך אַזוי געצויגן צו אים, ווי צו אַ זאַך פֿון יענעם לעבן, אויב מע קאָן בכלל צעטיילן דאָס מענטשלעכע לעבן אויף טעג, יאָרן, תּקופֿות, ווי מע טוט עס אָפֿט אין די לערנביכער.
כ׳האָב זיך געניייטיקט אין די באַגעגענישן מיט מייַן טויער, אפֿשר נאָך מער ווי אין די באַגעגענישן מיט מייַנע אַלטע פֿרייַנד. זיי האָבן שוין געהייסן דאָ „ותּיקים“, געהאַט אויף אַלע מייַנע פֿראַגעס אַ פֿאַרטיקן ענטפֿער; זיי האָבן שוין

לאַנג פֿאַרגעסן די ווייטיקלעכע וויזיעס פֿון יענעם לעבן און געזען גאָר אַנדערע, היגע חלומות, מעגלעך אַפֿילו אויף עבֿרית.
מיט מײַן טויער האָב איך זיך געקאָנט טיילן מיט וואָס איך וויל און אויף דער שפּראַך, וועלכע איז מיר טײַער און ליב. דאָס הייסט אַוודאי ניט, אַז כ׳בין געשטאַנען אַנטקעגן אים, ווי אַ גוטער־ייִד אַנטקעגן כּותל־מערבֿי, אָבער יעדעס מאָל, נאָכן צורירן זיך צו אים מיט די דלאָניעס, פֿלעג איך פֿילן ווי עס ווערט מיר גרינגער אויפֿן האַרצן, גלײַך ווי ער וואָלט אַרויסגעצויגן פֿון מיר דאָס טאָג־טעגלעכע האַוועניש.

אין יענעם טאָג האָט די זון געבראָטן פֿון אין דער פֿרי אָן. די שטאָט האָט זיך געבאַקן אונטער אירע שטראַלן, ווי אַ שבתדיקער קוגל אין אויוון. אויב ס׳איז עמעצן באַשערט משוגע צו ווערן פֿון היץ, איז נאָר אין אַזאַ טאָג.
אויף בן־יהודה־גאַס האָט מיך געבראַכט צו פֿירן די באַגעגעניש מיט מײַן אַלטן פֿרײַנד שמוליק פֿײַנמאַן. ער וווינט אין אַמעריקע, דעריבער האָבן מיר זיך שוין ניט געזען בערך צוואַנציק יאָר. אויך געזעגנט זיך מיט אים ווי מיט אַ סך אַנדערע מײַנע פֿרײַנד אויף שטענדיק און בלויז פֿון צײַט צו צײַט זיך איבערגעשריבן. דעם לעצטן בריוו האָב איך אים געשיקט שוין פֿון ירושלים. און אָט נעכטן קלינגט מיר שמוליק פֿון תּל־אָבֿיבֿ, ער איז געקומען קיין ישׂראל אויף אַ באַזוך און מאָרגן וועט ער זײַן אין ירושלים. ווען די זון לאָזט זיך אַפֿילו אַראָפּ אויף בן־יהודה, וואָלט איך סײַ ווי סײַ געקומען צו דער באַגעגעניש.
געוויינטלעך איז דאָ לעבעדיק. די ירושלימער האָבן ליב דאָס שפּאַציר־ווינקעלע: מע זיצט אַ ביסל בײַ אַ טישל, אַרויסגעשטעלט גלײַך אויף דער ברוקירטער גאַס, מע פֿאַרגינט זיך אַ טעסעלע קאַווע מיט אַ געשמאַק שטיקל שטרודל, מע פֿלעכט אַ מעשׂה. אויך די טוריסטן מײַדן עס ניט אויס…
צו דער באַגעגעניש בין איך געקומען מיט אַ צוואַנציק מינוט פֿריִער. אויסגעזוכט אַ שטיקל שאָטן אונטערן בוים לעבן דער קאַפֿע „עטרה“, וווּ מיר האָבן אָפּגערעדט זיך טרעפֿן, האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט אינעם שטאַם מיט אַן אַקסל און אַרויסגעשלעפּט פֿונעם טאַש אַ פֿלעשל וואַסער, פֿאַרכאַפּט מיט זיך פֿון דער היים. אין אַזאַ היץ, זאָגן די ישׂראלער, מוז מען טרינקען.
אַ סך בעלנים אויף צו שפּאַצירן אין דעם טאָג איז ניט געווען. זײַנען די טישלעך עלנט געשטאַנען אונטער די גרויסע זונשירעמס, אַרויסגעקוקט אויף בעסערע צײַטן. באַזונדערס רחמנותדיק האָט הײַנט אויסגעזען די פֿרוי אין דער שטרויענער הוט. ווי יעדן טאָג, איז זי הײַנט אויך געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע אַנטקעגן דעם קלייטל מיט סוּווענירן, שוין אַליין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקן סוּווניר, וואָס דער גורל האָט פֿאַרוואָרפֿן אַהער, אויף בן־יהודה, פֿון דער ווײַטער קאַלטער מדינה, וועלכע האָט נאָך נעכטן געהייסן „ראַטן־פֿאַרבאַנד“.
„ווּ נעמט מען אַ ביסעלע מזל? ווּ נעמט מען אַ ביסעלע גליק?…“ — האָט געזונגען די אַלטיטשקע, צוקלאַפּנדיק זיך צום טאַקט מיט אַ צאַצקע־טאַמבורין. אינעם קאַרטאָן־פּושקעלע לעבן אירע פֿיס האָבן געפֿינקלט אויף דער זון עטלעכע מטבעות…
ניין, באמת, פֿון דער היץ וועל איך הײַנט משוגע ווערן. אָבער פֿריִער מוז איך זיך זען מיט שמוליקן. שמוליקן, גערעדט אָן גוזמא, קען איך זינט כ׳געדענק זיך. מיר זײַנען ביידע פֿון איין יאָר, אויפֿגעוואַקסן אויף איין גאַס, זיך געלערנט אין איין שול און אין איין קלאַס. נאָכן פֿאַרענדיקן די שול זײַנען מיר זיך צעפֿאָרן אין פֿאַרשיידענע שטעט זיך לערנען ווײַטער, אָבער אָפֿט זיך איבערגעשריבן און אָן געדולד אַרויסגעקוקט אויף די קאַניקולן, כּדי ווידער אין איינעם פֿאַרברענגען די צײַט. וועגן דעם, אַז שמוליק האָט אַ מומע אין אַמעריקע האָב איך זיך דערוווּסט צופֿעליק. דאַכט זיך, אין פֿינפֿטן אָדער אין זעקסטן קלאַס האָט שמוליק בעת דער הפֿסקה מיך אַוועקגעפֿירט אין אַ זײַט, אַרויסגעשלעפּט עפּעס פֿון דער קעשענע און, אומקוקנדיק זיך צי קיינער זעט אונדז חלילה ניט, אַרײַנגעשטופּט מיר דעם „עפּעס“ אין דער הויזן־קעשענע.
— וואָס איז דאָס, שמוליק? — האָב איך אים שטיל אַ פֿרעג געטאָן.
כ׳האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דער „עפּעס“ איז פֿאַרבונדן מיט אַ סוד.
— אַ קײַגומקע… — האָט ער מיר אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער.
— אַ קײַ…

— שאַ! שרײַ ניט! — האָט ער מיך איבערגעריסן, — זאָלסט עס קיינעם ניט ווײַזן!...

אַ קלייניקייט, אַ קײַגומקע — דאָס איז דאָך געווען אַ חריפֿות צווישן אַלע חריפֿותלעך. ווער האָט דעמלט פֿון די חבֿרה געקאָנט זיך באַרימען מיט אַזאַ זאַך. עס קומט דאָך אַרויס פֿון אַמעריקע. קיין גוטע זאַכן קאָנען פֿון אַמעריקע ניט אַרויסקומען — אַזוי האָט מען אונדז געלערנט אין שול.

— ווי קומט עס צו דיר? — האָב איך אים געפֿרעגט. מיט די פֿינגער האָב איך שוין אָנגעטאַפּט אין מײַן קעשענע דאָס פֿלאַכע פֿירעקיקע פּאַסיקל, ווי דאָס וואָלט געווען גאַנץ אַמעריקע.

— ניט איצט. נאָך דער שול...

נאָך דער שול, אויפֿן וועג אַהיים, האָט מיר מײַן פֿרײַנד דערציילט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ פּאָסטפּעקל פֿון אַמעריקע. לאָזט זיך אויס, אַז זײַן מאַמע האָט אין אַמעריקע אַן אייגענע שוועסטער. מער האָט ער מיר גאָרנישט ניט געזאָגט, מעגלעך, ווײַל שמוליק האָט אַליין וועגן זײַן אַמעריקאַנער מומע דערוווּסט זיך נאָר נאָכן באַקומען דאָס פּעקל. אָבער איידער ער האָט מיר אַנטפּלעקט דעם גרויסן סוד זײַנעם, האָב איך זיך געמוזט שווערן „אויף ערד, פֿײַער, און וואַסער“, אַז כ׳וועל דעם סוד קיינעם אין דער וועלט ניט דערציילן...

„אוי, ווּ נעמט מען צוריק די יאָרן...“ — האָט אויסגעזונגען די אַלטיטשקע אין דער שטרויענער הוט; זי האָט אַוודאי ניט געקאָנט וויסן ווי פּינקטלעך זי האָט מיט איר ליד געטראָפֿן...

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער. די צײַט איז ווי שטיין געבליבן. האָב איך ווידער אַרויסגעשלעפּט פֿון מײַן טאַש דאָס פֿלעשעלע מיט וואַסער, וואָס איז שוין וואַרעם געוואָרן און באַקומען אַ פּריקרע טעם. דאָס שטיקל שאָטן אונטערן בוים האָט ווינציק וואָס געהאָלפֿן. כ׳האָב געפֿילט, אַז אָט־אָט וועל איך חלשן...

און פּלוצעם האָט זיך באַוויזן דאָס מיידעלע. אָנגעטאָן אין אַ גרין געשפּרענקלט קליידעלע, האָט זי זיך געטראָגן אַראָפּ איבער דער שטיינערנער בן־יהודה. וואָס זאָג איך „געטראָגן זיך“ — צוגעטאַנצט אָט אויף איין פֿיסל, אָט אויף דעם צווייטן פֿיסל, אַז דאָס קורצע קליידעלע אירס האָט מיט יעדן אונטערשפּרונג זיך פֿאַרריסן און באַוויזן אויף אַ רגע די ווײַסע גאַטקעלעך אירע.

צווישן די צעמאָרעטע דורכגייערס, וואָס האָבן זיך פֿויל באַוועגט, האָט דאָס מיידעלע דערמאָנט אַ גרין גראָז־שנײַדערל. כ׳האָב דערפֿילט אויף מײַן פּנים אַ קילן גלעט פֿון אַ דערמינטערנדיק ווינטל. זי איז צוגעשפּרונגען צו מיר און מיט אַ ווּנק געגעבן צו פֿאַרשטיין, כ׳זאָל איר נאָכשפּרינגען.

דער כּישוף פֿון דעם ווּנק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז כ׳האָב אַלץ פֿאַרגעסן. כ׳האָב געזען פֿאַר זיך נאָר דאָס געלע קעפּל האָר, קורץ אונטערגעשוירן, וואָס האָט מיך גערופֿן נאָך זיך אַראָפּ צום אַנדערן עק בן־יהודה־גאַס.

דאָס מיידעלע האָט זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט, גלײַך זי וואָלט געוווּסט, אַז איך גיי איר נאָך. בלויז איין מאָל, איידער זי האָט פֿאַרקערעוועט אויף יפֿו־גאַס, האָט זי אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און זיך קאָקעטיש צעלאַכט...

אַ דיקע פֿרוי האָט מיר פֿאַרשטעלט דעם וועג, ווי געוואָלט דאָס מיידעלע אויסבאַהאַלטן הינטער איר ברייטער פֿיגור. כ׳האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אין איין זײַט, אין אַן אַנדער זײַט. די פֿרוי האָט מאָדנע אַ קוק געטאָן אויף מיר, ווי איינער רעדט, ביסט מיט אַלעמען? — און זיך געגאַנגען ווײַטער. כ׳בין אַרויס אויף יפֿו. דאָס מיידעלע האָב איך שוין ניט געזען. כ׳האָב געפֿרעגט עטלעכע דורכגייערס, צי האָבן זיי ניט באַגעגנט אַ געל מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿינף־זעקס? אומזיסט, מײַן פֿריילעך גראָז־שנײַדערל מיטן גאָלדענעם קעפּל איז נעלם געוואָרן.

אַ פֿאַרלוירענער, בין איך געבליבן שטיין בײַ מײַן טויער — די פֿיס האָבן מיך געבראַכט צו אים. כ׳האָב דערפֿילט ווי עפּעס האָט געפּלאַצט אין מיר — אַ ביטערער פֿאַרדראָס אויף זיך אַליין פֿאַר דעם ניט קאָנען זיך אַרויסרײַסן פֿונעם תּחום־העבֿר, פֿאַר מײַנע אומגעלומפּערטע טריט זיך אײַנאָרדענען דאָ, פֿאַר די נאַרישע פֿאַנטאַזיעס, וואָס פֿאַרפֿירן מיך דער רוח ווייסט ווּהין... מײַן כּעס און מײַן אומבאַהאָלפֿנקייט האָב איך אויסגעלאָזט צום טויער. כ׳האָב אים אַ שטופּ געטאָן, ווי געוואָלט זיך אָפּשטויסן פֿון אים, כּדי אַנטלויפֿן פֿון דער גאַס, שטאָט, וועלט. פּאַמעלעך, מיט אַ פֿאַרזשאַווערטן סקריפּ האָבן די צוויי האַלבטירן זיך אויפֿגעמאַכט. כ׳האָב געדאַרפֿט נאָר אַריבערטרעטן די שוועל, אַ פֿאַרוואַקסענע מיט ווילדגראָז פֿון צײַט.

כ׳בין ווידער אין מײַן הויף. אָט שטייט דער הילצערנער מאַגאַזאָן. דאָרט, אַקוראַט צונויפֿגעלייגט, טריקענען זיך שײַטלעך האָלץ. אויף אַ לאַנגן צוואָק הענגט די גרויסע מעשענע פֿאַן, אין וועלכער די מאַמע פּרעגלט פּאָווידלע פֿון פֿלוימען, וואָס סטײַעט ביז סוף ווינטער; דאָס פֿאַרשטויבטע ווײַגעלע מײַנס קוקט אַרויס פֿון אַ ווינקל און וואַרט אויף מײַן נאָך ניט געבוירן שוועסטערל; די הילצערנע מולטער, ווו די באָבע פֿאַרקנעט דאָס טייג אויף צו באַקן ברויט, אַלטע שמאַטעס, וואָס ס׳איז „אַן עבֿירה זיי אַרויסוואַרפֿן“... אַרום דעם מאַגאַזאָן פּאָרפּלען זיך אין דער ערד עטלעכע הינער. דאָס גרעט טריקנט זיך אויף דעם לאַנגן שטריק, צוגעבונדן צו צוויי סלופּן. אין מיטן איז דער שטריק אונטערגעשפּאַרט מיט אַ לאַנג לײַסטל, דאָס גרעט זאָל זיך ניט וואַלגערן איבער דער ערד. און אָט איז דער הויכער ברייטער קאַסטן, וואָס דער טאַטע האָט אים אַליין געמאַכט. דער דאָזיקער קאַסטן איז ענלעך צו אַ שטיבעלע אָן פֿענצטער, נאָר מיט אַ קליין פֿירעקיק טירל, וואָס עפֿנט זיך פֿון אויבן, אַזוי אַז טרעפֿן אַהין קאָן מען נאָר דורכן דעכל. דער זיידע האָט דעם קאַסטן אָנגערופֿן „תּבֿה“. אין גיכן וועט דער קאַסטן זײַן פֿול מיט קוילן, דערווײַל אָבער שטייט ער אַ ליידיקער. דער טאַטע האָט אים ערשט געמאַכט און דער גאַנצער הויף שמעקט מיט פֿרישע סטרושקעס.

עמעצער האָט מיך אַ רוף געטאָן בײַם נאָמען. דאָס טירל פֿונעם קאַסטן האָט זיך אויפֿגעדעקט און פֿון אינעווייניק האָט זיך באַוויזן דאָס געלע קעפּל פֿון דעם פֿאַרפֿאַלענעם מיידעלע.

— וואָס זשע שטייסטו דאָרט? — האָט דאָס מיידעלע זיך אָנגערופֿן מיט אַ טענה. — קום אַרײַן אין שטיבעלע...

כ׳האָב זיך שוין מער ניט געחידושט. די שפּיל האָט מיך פֿאַרכאַפּט. זי האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ ווײַטן זומער, ווען כ׳בין אַלט געווען זעקס יאָר.

— האָסט געבראַכט די עפּעלעך? — האָט געפֿרעגט דאָס מיידעלע ווי נאָר כ׳בין אַרײַנגעקראָכן אין קאַסטן.

כ׳האָב אַ הייב געטאָן די אַקסלען און געגעבן איר מײַן טאַש.

זי האָט אים פֿלינק אויפֿגעמאַכט, אַרײַנגעשטופּט אַהין דאָס נעזל אירס און אַ צופֿרידענע, ווי אַן עכטע בעל־הביתטע, אַ זאָג געטאָן:

— אוי, זײַנען זיי געשמאַק, נאַ, פֿאַרזוך...

זי האָט מיר דערלאַנגט אַ גרין עפּעלע, אַ פּאַפּיראָווקע. פּונקט דער סאָרט עפּעלעך האָט געוואַקסן בײַ אונדזער שכן אין גאָרטן, און איך בין געווען אויף זיי אַ גרויסער בעלן. זי האָט עס מיר צוגעטראָגן צום מויל און כ׳האָב אָפּגעביסן אַ שטיקל, גלײַך פֿון אירע הענט. מעגלעך, אַזוי איז חווה מכבד געווען אָדמען מיט דער פּרי פֿונעם עץ־הדעת.

אַ זיס־זויערלעכער טעם איז מיר פֿאַרבליבן אויף די ליפּן.

— בעלע? — האָב איך שטיל אַרויסגעבראַכט איר נאָמען.

— זי האָט חנעוודיק אַ טרייסל געטאָן מיטן קעפּל.

— וואָס איז מיט דיר? האָסט געזאָגט, אַז דו גייסט נאָר אָנרײַסן עפּעלעך, און ביסט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

— אמת... — האָב איך זיך פֿאַרענטפֿערט — ביסט גערעכט...

כ׳האָב שוין אויף קיין טראָפּן ניט געצווייפֿלט, אַז דאָס געלע מיידעלע פֿון דער יפֿו־גאַס איז בעלע יאַנקל דעם קאָוועלס. זיי האָבן געוווינט ניט ווײַט פֿון אונדז. אויף דעם פֿעטער יאַנקלס קוזניע איז געשטאַנען גלײַך אין זייער הויף, און כ׳האָב ליב געהאַט זיך אַרײַנצוכאַפּן צו אים אין דער קוזניע, שטיין בײַ דער זײַט און קוקן ווי ער פּאָרעט זיך בײַם אויוון אינעם בערגל צעגליטע קוילן. די קלינגערײַ פֿון זײַן קוזניע האָט זיך געהערט אין אַלע ווינקעלעך פֿון אונדזער גאַס.

— ווייסטו וואָס, — האָט אַ זאָג געטאָן בעלע, — מיר וועלן זיך שפּילן איצט אין „טאַטע־מאַמע“.

— ווי אַזוי שפּילט מען אין דעם?

— זייער פּשוט: דו וועסט זײַן דער טאַטע און איך — די מאַמע.

— און די קינדער?...

בעלע האָט זיך הילכיק צעלאַכט. כ׳האָב דערפֿילט ווי כ׳הייב אָן רויטלען.

— אויב דו וועסט לאַכן, וועל איך זיך מיט דיר מער ניט שפּילן.

— קינדער וועלן מיר האָבן שפּעטער. מײַן מאַמע זאָגט, אַז קינדער קומען אָן שווער.

— פֿון וואַנען קומען זיי אָן?

— צי דען ווייסטו ניט?

כ׳האָב בפֿירוש יאָ געוווּסט, די מאַמע האָט עס מיר געזאָגט, אַז קינדער ברענגט מען פֿונעם האַבנהויז. זי האָט מיר אַפֿילו איין מאָל דאָס הויז געוויזן. אַזאַ שיינע שטוב מיט ווײַסע פֿענצטער און ווײַסע פֿירהענגלעך. כ׳האָב עס אָבער געוואָלט הערן פֿון בעלען אַליין.

אומדערוואַרט האָט זי אויפֿגעהויבן איר גרין קליידעלע און זיך אַ טײַט געטאָן מיטן פֿינגער אין בויך:

— פֿון דאַנען…

— פֿונעם בויך? — האָב איך ניט באַלד פֿאַרשטאַנען.

— יאָ.

— פֿון וואַנען ווייסטו?

— מײַן שוועסטער מאַניע האָט עס מיר געזאָגט. זי ווייסט אַלץ.

מעגלעך, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך חרטה געהאַט, וואָס כ׳האָב נישט ניט קיין עלטערן ברודער, ניט קיין עלטערע שוועסטער.

— וואָס האָט דיר מאַניע נאָך געזאָגט? — האָב איך זיך שוין קוים אײַנגעהאַלטן.

אַ ווײַלע האָט בעלע געשוויגן. דערנאָך קורץ אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז אַ סוד. מאַניע האָט געזאָגט, אַז אויב כ׳וועל דעם סוד עמעצן צעפּלאַפּלען, וועט זי מיר אַרויסרײַסן אַלע האָר פֿונעם קאָפּ. אָבער דיר…

— דערצייל, בעלע, — האָב איך אָנגעהויבן צו בעטלען, — כ׳וועל קיינעם אין דער וועלט ניט זאָגן.

— אַפֿילו דײַן חבֿר שמוליקן?

— אַפֿילו אים!

— שווער זיך אויף דײַן מאַמעס טויט.

דאָס איז געווען די סאַמע שרעקלעכע שבֿועה צווישן די קינדער, נאָר דער נײַגער האָט גענומען די אייבערהאַנט.

— כ׳זאָל מײַן מאַמען מער ניט זען, אויב כ׳וועל דעם סוד עמעצן דערציילן, — האָב איך אויסגעשאָסן אין איין אָטעם.

ס׳איז געוואָרן שאַ־שטיל. די סטרושקעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, האָבן זיך צעוויקלט מיט אַ שאָרך; פֿון דרויסן, אַלץ העכער און העכער, האָט זיך געהערט די קלינגערײַ פֿון דער קוזניע: „קלינג־קלאַנג… קלינג־קלאַנג…“

בעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע אויף אַ קופּע סטרושקעס און ווײַטער גערעדט שוין פֿון דאָרטן:

— מאַניע האָט געזאָגט, אַז קינדער מאַכט מען אין בעט, דער טאַטע מיט דער מאַמען…

בעלע, שוין ניט בכּוח מער צו טראָגן אַליין דאָס אַלץ דערהערטע פֿון איר שוועסטער, האָט זיך געאײַלט וואָס גיכער צעטיילן די סודותפֿולע לאַסט מיט מיר. איר פּנים האָב איך ניט געזען, ווײַל די שאַרפֿע זונשטראַלן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די שפּאַרונעס צווישן די ברעטער, האָבן מיר פֿאַרבלענדט די אויגן.

— ווּ ביסטו, בעלע, — האָב איך זי שטיל אַ רוף געטאָן, ווען זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— כ׳בין דאָ… קום אַהער…

אויסשטרעקנדיק די הענט, האָב איך פֿאָרזיכטיק געמאַכט אַ שפּאַן אין איר זײַט און זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. מײַנע פֿינגער פֿון די הענט האָבן אָנגעטאַפּט אירע האָר.

— כ׳זע דיך ניט, בעלע. כ׳בין מסתּמא בלינד געוואָרן.

— ווי קאָנסטו מיך זען, אַז די אויגן זײַנען בײַ דיר פֿאַרמאַכט. זיץ אַזוי — איך וועל דיך האָדעווען מיט עפּעלעך… קלינג־קלאַנג… קלינג־קלאַנג… — האָבן געקלאַפּט אין דער שטילקייט צוויי קינדערשע הערצער. דער זיס־זויערלעכער זאַפּט פֿון די פֿרײִקע עפּעלעך האָט זיך צעגאָסן אין מײַן מויל. כ׳האָב געפֿילט די צורירן פֿון אירע ליפּן אויף מײַנע אויגן־לעפּלעך. מיטן שפּיץ צינגל האָט זי אַ פֿיר געטאָן איבער מײַנע ווּיעס — אַזוי פֿלעגט די מאַמע אַ פֿיר טאָן מיט איר צונג, בעת אַ שטויבעלע האָט מיר געטראָפֿן אין אויג אַרײַן, — דערנאָך איבערן האַלדז. זי האָט מיר צעשפּיליעט דאָס העמדל, און די פֿײַכטע צורירן אירע האָב איך געפֿילט שוין אויף מײַן לײַב… — מיר וועלן האָבן אַ סך קינדער, — האָט בעלע געשעפּטשעט…

פּלוצעם האָט מען אָנגעהויבן קלאַפּן אין קאַסטן. דאָס טירל איבער אונדזערע קעפּ האָט זיך אויפֿגעדעקט און פֿון אויבן, ווי אין אַ טיפֿער קערניצע, האָט אַרײַנגעקוקט דאָס פֿאַרוואַקסענע פּנים פֿונעם פּאַסטעך מאָש וואַסילע.

— אָט ווּ דו באַהאַלטסט זיך אויס?! — האָט ער אַ רעווע געטאָן.

כ׳האָב ניט באַוויזן זיך צו רירן פֿון אָרט, ווי ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די האָר און, אַקוראַט כ׳וואָלט געווען אַ פֿאַרבלאָנדזשעט שעפֿעלע פֿון זײַן טשערעדע, אַרויסגעשלעפּט מיך פֿונעם קאַסטן. בעלעס געשרייען האָבן זיך געהערט פֿון אונדזער קורצווײַליקער היים; כ׳האָב זיך געריסן פֿונעם פּאַסטעכס הענט, אָבער אומזיסט — ער האָט מיך געשלעפּט צום טויער און געשאָלטן אויף זײַן שפּראַך — בייז מיט שׂינאה…

כ׳בין געקומען צו זיך שוין פֿון יענער זײַט טויער, פֿאַרשפּאַרט און פֿאַרשלאָסן אויף דעם פֿאַרזשאַווערטן שלאָס. דאָס לעבן אַרום מיר האָט גערוישט, זיך געיאָגט און געאײַלט אַרײַנשרײַבן אין דעם שטיינערנעם לוח פֿון דער אייביקער שטאָט אירע חכמות און נאַרישקייטן.

כ׳בין געלאָפֿן זיך באַגעגענען מיט מײַן בעסטן חבֿר שמוליק פֿײַנמאַן, זיך באַגאָסן מיט שווייס איבער דער משוגענער היץ און געטראַכט: צי וועל איך אים דערקענען נאָך אַזוי פֿיל יאָר צעשיידונג, דעם אַמעריקאַנער ייִד, פֿון מײַן בעסאַראַבער קינדהייט.